2 זיי ווידער געלערנט. און פּרושים זענען צוגעקומען
צו אים, און האָבן אים געפֿרעגט, אויב אַ מאַן מעג
3 זיך גטן מיטן ווייב; אויספּרוּוונדיק אים. ער
אָבער האָט ענטפֿערנדיק געזאָגט צו זיי: וואָס האָט
4 אייך משה געבאָטן? און זיי האָבן געזאָגט: משה
האָט דערלויבט (איר) צו שרייבן אַ ספר כריתות
5 (גט) און זי אַוועקצושיקן. (דברים כד, א׳) ישוע
אָבער האָט צו זיי געזאָגט: צוליב דער פֿאַר־
האַרטעוועטקייט פֿון אייער האַרץ האָט ער אייך
6 אָנגעשריבן דאָס דאָזיקע געבאָט; פֿון אָנהויב פֿון
דער באַשאַפֿונג אָבער האָט ג־ט זיי באַשאַפֿן
7 זכר און נקבה. (בראשית א׳, כז.) דערפֿאַר וועט אַ
מענטש פֿאַרלאָזן זיין פֿאָטער און די מוטער, און
זיך באַהעפֿטן מיט זיין ווייב, און די צוויי וועלן
8 זיין איין פֿלייש; (בראשית ב׳, כד.) אַזוי זענען זיי
9 מער נישט צוויי, נאָר איין פֿלייש. דעריבער וואָס
ג־ט האָט מזווג־געווען, דאָס זאָל קיין מענטש נישט
10 צעשיידן! און אינעם הויז האָבן די תלמידים אים
11 ווידער געפֿרעגט וועגן דער דאָזיקער זאַך. און
ער האָט צו זיי געזאָגט: ווער עס גט זיך מיט זיין
ווייב, און האָט חתונה מיט אַן אַנדערער, איז ער
12 מזנה קעגן איר; און אויב זי גט זיך מיט איר מאַן,
און האָט חתונה מיט אַן אַנדערן, טוט זי זנות.
13 און מען האָט צו אים געבראַכט קליינע קינדער,
כדי ער זאָל זיי אָנרירן; די תלמידים אָבער האָבן
14 אָנגעשריגן אויף זיי. און ווי ישוע האָט דאָס געזען,
האָט עס אים פֿאַרדראָסן, און ער האָט צו זיי געזאָגט:
לאָזט די קליינע קינדער קומען צו מיר; פֿאַרווערט
עס זיי נישט; וואָרום פֿאַר זייערסגלייכן איז דאָס
15 קעניגרייך פֿון ג־ט! באמת זאָג איך אייך: ווער
עס וועט נישט אויפֿנעמען דאָס קעניגרייך פֿון ג־ט